# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:22
מוצאי שב"ק....................5:52

**שיעורים כסדרן**
נ"ך................שמואל-א י'-י"א
בבלי...............ראש השנה ל"ה
ירושלמי...................גיטין ל"ג
תוספתא................קידושין ד'
רמב"ם.....מעשה הקרבנות י"ח


פרשת ויצא, ט' כסלו, שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 11 (526)


## אַ וָואֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְשַׁבְתִּי בְשָׁלוֹם אֶל בֵּית אָבִי וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעמַאכְט אַ נֶדֶר אַז אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַיין מִיט אִים אוּן אִים הֶעלְפְן, "אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן בְּשָׁלוֹם צוּ מַיין טַאטְנְ'ס הוֹיז, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַיין מַיין בַּאשֶׁעפֶער". בְּפַשְׁטוּת קֶען אוֹיסְזֶען פְּשַׁט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ תְּנַאי וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, אַז אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים גֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס, דַאן וֶועט עֶר נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיין בַּאשֶׁעפֶער, וָואס קֶען דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט זַיין, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיכֶער נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף דֶעם תְּנַאי אוֹיב דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן (זֶע רַשִׁ"י, רַמְבַּ"ן, אוּן אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אוֹיפְ'ן אָרְט).

עֶס קֶען זַיין דֶער פְּשַׁט אִין פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ד') **אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז נָאר פַאר זַיין גוּטְס, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עוֹלָם הַבָּא, דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אִין גַן עֶדֶן.** חֲזַ"ל זָאגְן (פְּסָחִים נ.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (זְכַרְיָה י"ד, ט) "בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין אֵיינְצִיג, פְרֶעגְן חֲזַ"ל אוֹיף דֶעם, "אוּן יֶעצְט אִיז עֶר דֶען נִישְׁט נָאר דֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער?", נָאר יֶעצְט מַאכְט מֶען אוֹיף גוּטֶע זַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב" אוּן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה "דַיַּן הָאֱמֶת", אָבֶער לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט יֶעדֶער וִויסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט גָארְנִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז רַחֲמִים וַחֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, אוּן דַאן וֶועט מֶען אוֹיךְ אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן מַאכְן דִי בְּרָכָה "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב". אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים נ"ו, י"א) "בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר, בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר", סַיי וֶוען סְ'אִיז דָא דֶער שֵׁם אֱלֹקִים, וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף דִינִים, אוּן סַיי וֶוען סְ'אִיז דֶער שֵׁם ה' וָואס וַוייזְט אוֹיף רַחֲמִים, וֶוען מֶען אַלְץ נָאר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס זָאגְט זִיךְ זֵייעֶר גְרִינְג, אָבֶער דָאס אִיז גָאר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיין, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער פִילֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מְ'דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס נָאר רַחֲמָנוּת אוּן טוֹבוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, כָאטְשׁ מִיר זֶעעֶן עֶס נִישְׁט מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן.

דָאס אִיז דָאךְ דֶער תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִיז דָאךְ אַלֶעס אָפְן, דָארְט פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶער אַז אַלֶעס אִיז נָאר גוּט, אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער אוּן גוּטֶער חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ, דֶער צִיל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דוּרְכְצוּגֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, נִישְׁט זֶען אָפְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר חֲסָדִים, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נָאר גוּטְס מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ. אוּן וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ דִי מַדְרֵגָה, קוּמְט עֶר אָן צוּ דִי גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן עוֹלָם הַבָּא.

דָאס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר שָׁלוֹם צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען, אַז אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס גֵייעֶן אִיבֶּער אוֹיף דֶעם אִיז נָאר גוּטְס, עֶר מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן מִדַּת הַדִּין אוּן מִדַּת הָרַחֲמִים, אַלֶעמָאל אִיז אִים נָאר גוּט אוּן פֵיין אִין יֶעדְן מַצָּב.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וְשַׁבְתִּי "בְשָׁלוֹם" אֶל בֵּית אָבִי, אִיךְ וֶועל הָאבְּן אַן אֱמֶת'עָ שָׁלוֹם בַּיי מִיר אַלֵיין, אִיךְ וֶועל וִויסְן אוּן גְלוֹיבְּן אַז אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר צוּם גוּטְן, דַאן וְהָיָה ה' לִי לֵאלֹקִים, דַאן וֶועל אִיךְ אַיינְזֶען אַז דָאס וָואס עֶס זֶעט אוֹיס וִוי "אֱלֹקִים", וִוי מִדַּת הַדִּין, אִיז בֶּאֱמֶת מִדַּת הָרַחֲמִים, אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר מַיין טוֹבָה מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת.

מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ עֶרְקְלֶערְן דִי מְסוֹרָה, דֶער פָּסוּק דָא "וְשַׁבְתִּי" בְשָׁלוֹם אֶל בֵּית אָבִי, אוּן דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים כ"ג ו') **אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי "וְשַׁבְתִּי" בְּבֵית ה' לְאֹרֶךְ יָמִים.** וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי, סַיי וָואסֶערֶע סָארְט זַאכְן אִיךְ גֵיי נָאר אַרִיבֶּער אִין מַיין לֶעבְּן, זָאל אִיךְ אַלְץ וִויסְן אוּן שְׁפִּירְן אַז דָאס אִיז נָאר טוֹב וָחֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר מִיר, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְשַׁבְתִּי בְּבֵית ה' לְאֹרֶךְ יָמִים, אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְהֵיים אִין עוֹלָם הַבָּא.

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, דַאן וֶועלְן מִיר שְׁפִּירְן דֶעם גַן עֶדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּצֵא תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי כּוֹחוֹת אוּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער אוֹיף זַיין וֶועג קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאכְן. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, אִיז נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן. וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער. וֶוען מֶען הָאט אָבֶער דֶעם שֵׂכֶל אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט אֵייבִּיג אַזוֹי, עֶס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָא שְׁוֶועריקַייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן עֶס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען, דַאן וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַ "סֻלָּם" - אַ לֵייטֶער, וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֵייט אַרוֹיף בִּיזְ'ן הִימְל. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דֶער חָלוֹם פוּן יַעֲקֹב, נָאר דָאס אִיז אוֹיךְ אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער. אַלֶעס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אִיז אַ סִימָן פַאר אוּנְז, אוּן לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶ'ענְסְק זי"ע זָאגְט אִיז זַיין תְּפִלָּה: "וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" - עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיזְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד לִיגְט מַמָּשׁ אִין דֶער עֶרְד, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר פִּילְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף עֶר אָבֶער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען בִּיזְ'ן הִימְל אַרַיין.

וִוי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיף דֶעם לֵייטֶער? שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח"ג רס"ז ע"א) אַז "סוּלָם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל". דֶער קוֹל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער לֵייטֶער. בְּלוֹיז מִיטְ'ן


<<<<<<


## א גוט ווארט

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; קְלַאפּ זֵיי נִישְׁט, צֶעבְּרֶעךְ זֵיי נִישְׁט, לָאז זֵיי לֶעבְּן; אַנְשְׁטָאט זֵיי שְׁטֶעכְן - גֶעבּ זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער. קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג גוּטֶע וֶוערְטֶער, גוּטֶע וֶוערְטֶער בּוֹיט זֵיי אוֹיף, גוּטֶע וֶוערְטֶער מַאכְט זֵיי גֶעזוּנְט.

אִיךְ זֶע בָּחוּרִים זֶענֶען אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, וִויפִיל אִיךְ וִויל זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן - גֵייט עֶס נִישְׁט, מֶען הָאט זֵיי אַזוֹי גֶעפַּיינִיגְט, מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶעמַאכְט, גֶערֶעדְט צוּ זֵיי נָאר פוּן גֵיהִנוֹם, פוּן שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיינֶע קִינְדֶער, גֶעבּ זֵיי - יֶעדְן אֵיינֶעם - גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶועלְן זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תשפ"ב)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶע תְּפִילָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ רַבָּה וָאֶתְחַנַּן ב, יז): "יֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְאַרְבָּעִים יוֹם", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִילָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ פֶערְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (דְּבָרִים ט, יח): "וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי ה' כָּרִאשֹׁנָה אַרְבָּעִים יוֹם וְגוֹ'", עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פֶערְצִיג טֶעג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְעֶשְׂרִים יוֹם", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִילָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ צְוַואנְצִיג טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דָנִיֵּאל (דָּנִיֵּאל י, ג): "לֶחֶם חֲמֻדוֹת לֹא אָכַלְתִּי וְגוֹ' עַד מְלֹאת שְׁלֹשֶׁת שָׁבֻעִים יָמִים", עֶר הָאט גֶעפַאסְט דְרַיי וָואכְן, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן (שָׁם ט, יט): "ה' שְׁמָעָה ה' סְלָחָה וְגוֹ'". "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לִשְׁלֹשָׁה יָמִים", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִילָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ דְרַיי טֶעג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי יוֹנָה הַנָּבִיא (יוֹנָה ב, א): "וַיְהִי יוֹנָה בִּמְעֵי הַדָּג וְגוֹ'", אוּן נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (יוֹנָה ב, ב): "וַיִּתְפַּלֵּל יוֹנָה אֶל ה' אֱלֹקָיו מִמְּעֵי הַדָּגָה". "וְיֵשׁ תְּפִלָּה שֶׁנַּעֲנֵית לְיוֹם אֶחָד", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ תְּפִילָּה וָואס וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען נָאךְ אֵיין טָאג, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, עַיֵּין שָׁם.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אִין תְּפִילָּה – אוּן זִיכֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן תְּפִילָּה, וַוייל יֶעדֶע תְּפִילָּה וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט דִי תְּפִילוֹת דָאס בֶּעסְטֶע פַאר'ן מֶענְטְשׁ. אַמָאל אִיז דָא אַ גְזֵירָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, נֶעמְט מֶען דִי תְּפִילוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע זַאךְ אוּן מֶען אִיז מְבַטֵל מִיט דִי תְּפִילוֹת – דִי גְזֵירָה. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן מֶען לֵייגְט דָאס פַאר זַיין גֶעזוּנְט אָדֶער דִי גֶעזוּנְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה; דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ 'אִיךְ בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט וִוי עֶפֶּעס רוּקְט זִיךְ!' עֶר וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוּן הֶערְט אוֹיף בֶּעטְן; אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאט מֶען גֶענוּמֶען דִי אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן וַוייטֶער גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ פוּן דַיין לֶעבְּן – אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ב)

>>>>>>

קוֹל אַלֵיין, קֶען מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע שְׁטַאפְּלֶען אִין לֶעבְּן.

## כַאפּ דִיךְ אָן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי חֲסִידִים בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דָארְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר אָבֶער גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט בִּיטֶערְנִישׁ: "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ??!" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער צוּ קוֹיפְן דִי בֵּייגֶעלֶעךְ. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין דִי וַוייבֶּער שׁוּל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אוּן זֵייעֶר וֵויינֶען, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז קַאפִּיטְל נ' מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, פוּן גְרוֹיס אוֹיסְמוּטְשֶׁענִישׁ הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמ'ט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער בִּיז'ן הִימְל אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. עֶר אִיז אַרוֹיף עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרוֹיף צוּ קְרִיכְן, עֶר אִיז אָבֶער אַלְץ צוּרִיק גֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט שְׁטֶערְקֶערֶע כּוֹחוֹת צוּ קְרִיכְן נָאךְ הֶעכֶער אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, עֶר אִיז אָבֶער וַוייטֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן. וִוי הֶעכֶער עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלַאפּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפַאלְן. בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן גָאר הוֹיךְ, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן... מֶער קֶען עֶר נִישְׁט.

אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער שְׁטֵייט פוּן אוֹיבְן אוּן שְׁרֵייט אַרָאפּ צוּ אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!" – קְרִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אָן!

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּמְגֶעפֶער אַ יָאר אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים דַאן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן קֵיינְמָאל, נָאר קְרִיכְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "נָאךְ דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד". דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם חָלוֹם, וָואס דֶער וֶועג אִיז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערְן לֵייטֶער-לֶעבְּן, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דָאס גֶעבְּט דִי כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל בִּיז'ן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל פוּן הַצְלָחָה.

דֶער לֵייטֶער אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן הוֹיךְ, מֶען דַארְף אָבֶער נָאר קוּקְן אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל. אוֹיבּ קוּקְט מֶען גְלַייךְ אַרוֹיף בִּיז אוֹיבְן, קֶען מֶען וֶוען צֶעבְּרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַזוֹי סַאךְ אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן, וֶוען מֶען אָבֶער נָאר אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל אִיז עֶס פִיל גְרִינְגֶער. אוּן וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין צוּרִיק אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּ קְרִיכְן. דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, מֶען דַארְף נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער קוֹל אִיז דִי טְרֶעפּ פוּנֶעם לֵייטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה – דִי מוֹיל. מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל, מִיט'ן מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרִיבֶּער קְרִיכְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

צַדִּיקִים זָאגְן (עַיֵּין זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא) אַז דֶער וָוארְט קוֹל אִיז אַזוֹי וִוי אַ לֵייטֶער. עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט'ן "ק" וָואס זַיין פִיסְל שְׁטֵייט טִיף אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט'ן "ל" וָואס זַיין טוּרֶעם שְׁטַארְט אַרוֹיס הוֹיךְ אוֹיף אַרוֹיף. דֶער קוֹל פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע פְלֶעצֶער, בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ.

דֶער לֵייטֶער אִיז נִישְׁט נָאר דֶער "קוֹל" פוּן תְּפִלָּה, נָאר אוֹיךְ דֶער "קוֹל" פוּן תּוֹרָה. חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב) "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" – וִוי לַאנְג דֶער קוֹל פוּן יַעֲקֹב, דִי אִידְן, וֶוערְט גֶעהֶערְט אִין דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת, קֶענֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו זֵיי גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט "הַקּוֹל קוֹל" – עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט קוֹלוֹת וָואס הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער "קוֹל תּוֹרָה" אוּן דֶער "קוֹל תְּפִלָּה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט, עֶר זִינְקְט טִיף אִין דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן עֵשָׂו, דַארְף עֶר אָנְהוֹיבְּן צוּ נוּצְן דִי קוֹלוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

## ווּאוּ מֶען גֵייט נָאר

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ח) אַז דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֵם הַבָּנִים". אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס רֶעדְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע לָאזְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער אִיר קִינְד. וִויפִיל דָאס קִינְד זָאל זִיךְ נָאר פַארְשְׁמִירְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן, וֶועט דִי מַאמֶע נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג זַיין צוּ זַיין הַאנְט אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִים אָפְּוַואשְׁן, אוֹיפְהוֹיבְּן, אוּן שֵׁיין אָנְטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז דָאס רֶעדְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וֶועט דָאס מִיטְגֵיין מִיט אִים סַיי וואוּ אִימֶער. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פַארְשְׁמִירְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוּן אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן סַיי וֶועלְכְן פְּרַאבְּלֶעם.

מֶען דַארְף אָבֶער הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל אַרוֹיף טַאנְצְן פוּן אוּנְטְן בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרַאבְּלֶעמֶען. מֶען דַארְף גֵיין צוּשְׁטַייטֶלֶעךְ טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל. מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעהָאלְפְן מֶער אוּן מֶער. אוֹיבּ וִויל מֶען אַרוֹיפְטַאנְצְן עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּן, אוּן דַאן קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי מוּט אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

בַּיי תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מח, ט) וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי נָאז, דִי נָאז וַוייזְט אוֹיף "אֲרִיכַת אַפַּיִם", מֶען דַארְף הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אָבֶער סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִי יְשׁוּעָה זִיכֶער אָנְקוּמֶען. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג. עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זֶען צוּם סוֹף דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. (שִׂיחוֹת מוֹהַרְאַ"שׁ לְפַרְשַׁת וַיֵּצֵא)

>>>>>>
שטארק באליבט ביי אלע מתפללים. ער פלעגט באשיינען דעם בית המדרש פאר לאנגע יארן, מיטהאלטן די תפילות שבת ויום טוב, סיפורי מעשיות, שלש סעודות, ער פלעגט זיך צוהערן מיט דורשט צו די דברי אלקים חיים די ווערטער פון הייליגן רבי'ן מיט וואס ער האט זיך מחי' געווען וואך נאך וואך, ביז צו זיין הסתלקות, חול המועד פסח תש"פ.

יעצט האט זיין אייניקל מו"ה נחום וויינבערג הי"ו, וואס האט אים אלץ אזוי געטריי באדינט ביים לעבן, זוכה געווען צו ענדיגן שרייבן א ספר תורה לעילוי נשמת זיין גרויסן זיידן, און איז עס מנדב געווען פאר דעם הייליגן בית המדרש וואו דער זיידע איז געווען א שטענדיגער מתפלל.

פארגאנגענע וואך דינסטאג אווענט איז פארגעקומען די סיום כתיבת האותיות אין בית המדרש עס זענען זיך צוזאם געקומען א גרויסער עולם אנשי שלומינו תושבי קרית יואל והגלילות, דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך פערזענליך געקומען באטייליגן ביים מעמד, און האט אויפגעטרעטן מיט דברי חיזוק. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעצט ווען מען שרייבט א ספר תורה, איז די צייט זיך צו פרייען מיט די וואס לערנען בפועל די הייליגע תורה, און גלייכצייטיג האט דער ראש ישיבה ארויפגערופן הבחור החשוב משה שמואל שטעסל ני"ו מתלמידי הישיבה וואס האט שוין זוכה געווען אין די פארגאנגענהייט צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און האט יעצט זוכה געווען צו ענדיגן מסכת תענית 101 מאל.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שטארק ארום גערעדט איבער די גרויסע מתנה וואס דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן, דער "סדר דרך הלימוד", וואס איז געמאכט פאר יעדן איד אין אלע מצבים. "נישט קיין חילוק וועלכע עלטער, נישט קיין חילוק וויאזוי דיין מח טראכט, נישט קיין חילוק ווי גוט דו פארשטייסט, נישט קיין חילוק אפילו ווי גוט דו קענסט עברי, דער סדר דרך הלימוד איז געמאכט פאר דיר!" האט דער ראש ישיבה געזאגט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן: ווער עס פאלגט דעם הייליגן רבין און לאזט זיך נישט נארן, ער נעמט אן דעם סדר דרך הלימוד און איז זוכה דורכצוזאגן כל התורה כולה, וועט מען נישט לייגן א גוף אין די ערד נאך די הונדערט און צוואנציג, נאר מען וועט אריינלייגן א הייליגע "ספר תורה" אין "ארון הקודש" און מען וועט פארמאכן דעם "פרוכת".

פארוואס האבן די ברכות פון יעקב געדארפט צוגיין מיט אזא געפאפטע וועג, מיט "גניבה"? פלעגט מוהרא"ש זאגן, אז מען וועט פרעגן א איד נאך זיין פטירה "קבעת עתים לתורה?", וועט ער זאגן "ווי אזוי האב איך געקענט מאכן א קביעות יעדן טאג? איך בין געווען טרוד מיט פרנסה, חובות, געזונט, א ווייב מיט קינדער?" וועט מען אים זאגן אז דו האסט זיך געדארפט גנב'נען צייט, א משנה'לע דא, א גמרא'לע דארט, א קאפיטל יעצט, א פרק שפעטער. "קבעת" - זאגט דער הייליגער רבי - "איז א לשון פון גנב'ענען", מען דארף "קובע זיין - גנב'ענען" צייט צו לערנען. ווען יעקב האט באקומען די ברכות פון יצחק, "ויתן לך אלקים" זאגן חז"ל אין מדרש רבה, אז ער האט באקומען "מטל השמים" איז חומש, "משמני הארץ" איז משניות, "דגן" איז גמרא, "תירוש" איז אגדה. וועט א מענטש פרעגן "וויאזוי קען איך זוכה זיין צו די ברכות? איך בין אזוי פארנומען!", דערפאר האט ער עס געדארפט באקומען אויף אזא "גע'גנב'עטע" וועג, מיר זאלן זיך לערנען דערפון, אז מען קען עס באקומען די ברכות נאר דורך זיך גנב'ענען צייט צו לערנען. און אז מען איז זוכה צו האבן חומש, משניות, גמרא, און מדרש, איז מען א געבענטשטער מענטש אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דער ראש ישיבה האט נאך אסאך מאריך געווען איבער די חשיבות פון מעביר סדרה זיין אנגעהויבן פון זונטאג, פון שלום בית, און נאך פארשידענע ענינים, פון וואס דער גאנצער ציבור האט שטארק הנאה געהאט און ארויסגענומען גאר אסאך חיזוק אויף למעשה. דערנאך האט מען געהאט די געלעגנהייט אריינצושרייבן אן אות אין די נייע ספר תורה, ווי דער מנהג איז, און מען איז זיך צוגאנגען מיט פריילעכע געמיטער.

לויט'ן פלאן וועט אי"ה דעם שבת קודש פרשת ויצא געפראוועט ווערן א שיינע הכנסת ספר תורה, די נייע ספר תורה וועט ארויסגיין פאר'ן ליינען פון שטוב ווי ר' ראובן ז"ל האט געוואוינט אויף מעזיבוזש רד. אויפ'ן וועג צום בית המדרש היכל הקודש אויף פרעמישלאן רד. מיט שמחה, טענץ און געזאנג, די ספר תורה וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף גענוצט ווערן פאר קריאת התורה מדי שבת בשבתו.

**שישו ושמחו בשמחת התורה!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מוֹחֵל זַיין דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן מִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אַ שִׁיעוּר וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף קֵיינֶעם, אֲפִילוּ אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן שְׁטַארְק שָׁאדְן גֶעמַאכְט אָדֶער פַאַרְשֶׁעמְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. אִיךְ בִּין גֶעוֶוענְלִיךְ מוֹחֵל גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז מִיר מְצַעֵר, אָבֶער ס'זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיךְ זֵייעֶר פַאַרְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט, מַמָּשׁ חָרוּב גֶעמַאכְט מַיין לֶעבְּן, אַלֶעס נָאר פַאר זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן, נִישְׁט וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעטוּן סֵיי וֶועלְכֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט מוֹחֵל זַיין. מוֹהֲרַאְ"שׁ זִי"ע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל נָאךְ זֶען אַז זֵיי וֶועלְן נָאךְ בַּאצָאלְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

בִּין אִיךְ מְחוּיָב זֵיי מוֹחֵל צוּ זַיין? אוּן אוֹיב יָא, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס בַּאוַוייזְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ח מַרְחֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר (פַּרְשַׁת מִקֵּץ, רא:): "רִבִּי אַבָּא הֲוָה יָתִיב אֲתַרְעָא דְּאַבָּבָא דְּלוֹד", דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רַבִּי אַבָּא אִיז אַמָּאל גֶעזִיצְן בַּיים אַרַיינְגַאנְג צוּם שְׁטָאט לוֹד, "חָמָא חַד בַּר נָשׁ דְּהֲוָה אָתֵי, וְיָתִיב בְּחַד קוּלְטָא דְתָלָא דְּאַרְעָא", עֶר הָאט גֶעזֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעזִיצְן אוֹיף אַ שְׁטֵיין, "וְהֲוָה לָאֵי מֵאָרְחָא, וְיָתִיב וְנָאִים תַּמָּן", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן גֵיין אִין וֶועג אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶערוּעט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, "אַדְּהָכִי חָמֵי חַד חִוְיָא, דַּהֲוָה אָתֵי לְגַבֵּיהּ", בְּשָׁעַת דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעשְׁלָאפְן זֶעט רַבִּי אַבָּא וִוי אַ שְׁלַאנְג קוּמְט צוּ גֵיין צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, "נָפַק קוֹסְטְפָא דְגוּרְדְּנָא, וְקָטִיל לֵיהּ לְחִוְיָא", אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַ צְוַוייג פוּן בּוֹים אוּן גֶע'הַרְג'עט דֶעם שְׁלַאנְג, "כַּד אִתְעַר הַהוּא בַּר נָשׁ, חָמָא הַהוּא חִוְיָא לְקָבְלֵיהּ, דַּהֲוָה מִית", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר גֶעזֶען נֶעבְּן זִיךְ דֶעם טוֹיטְן שְׁלַאנְג, "אִזְדַּקַּף הַהוּא בַּר נָשׁ, וְנָפַל הַהוּא קוּלְטָא לְעוּמְקָא דִּתְחוֹתוֹי וְאִשְׁתְּזִיב", אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי שְׁטֵיין אוֹיף וָואס עֶר אִיז גֶעזִיצְן הָאט זִיךְ דֶער שְׁטֵיין אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט אַרָאפּ אַ טִיפֶע טָאל, וָואס אוֹיבּ וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּלִיבְּן זִיצְן נָאךְ אֵיין רֶגַע וָואלְט עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְאֵיינֶעם מִיט'ן שְׁטֵיין אוּן עֶר וָואלְט גֶעשְׁטָארְבְּן, "אֲתָא רִבִּי אַבָּא לְגַבֵּיהּ, אָמַר לֵיהּ, אֵימָא לִי מָאן עוֹבָדָךְ, דְּהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא רָחִישׁ לָךְ אִלֵּין תְּרֵין נִסִּין", הָאט זִיךְ רַבִּי אַבָּא פַארְוואוּנְדֶערְט, עֶר גֵייט צוּם מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים, זָאג מִיר וָואס זֶענֶען דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט? אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהִיטְן, עֶס הָאט פַּאסִירְט צְוֵויי גְרוֹיסֶע נִיסִים מִיט דִיר, "לָאו אִינוּן לְמַגָּנָא", עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אוּמְזִיסְט, "אָמַר לֵיהּ הַהוּא בַּר נָשׁ, כָּל יוֹמָאי לָא אַשְׁלִים לִי בַּר נָשׁ בִּישָׁא בְּעַלְמָא, זָאגְט אִים דֶער אִיד, מַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, "דְּלָא אִתְפַּיֵּיסְנָא בַּהֲדֵיהּ, וּמָחִילְנָא לֵיהּ", הָאבּ אִיךְ זִיךְ גְלַייךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען, "וְתוּ, אִי לָא יָכִילְנָא לְאִתְפַּיְּיסָא בַּהֲדֵיהּ, לָא סָלִיקְנָא לְעַרְסִי, עַד דְּמָחִילְנָא לֵיהּ, וּלְכָל אִינוּן דִּמְצַעֲרוּ לִי", אוּן אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט יֶענֶעם בִּין אִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין בֶּעט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיז אִיךְ הָאבּ יֶענֶעם מוֹחֵל גֶעוֶוען אוּן פַאר אַלֶע וָואס הָאבְּן מִיר וֵויי גֶעטוּן, "וְלָא חַיְישָׁנָא כָּל יוֹמָא לְהַהוּא בִּישָׁא דְּאַשְׁלִים לִי", אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן וָואס זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן, "וְלָאו דַי לִי דָא", נִישְׁט נָאר דָאס, "אֶלָּא דְּמֵהַהוּא יוֹמָא וּלְהָלְאָה, אִשְׁתַּדַּלְנָא לְמֶעְבַּד עִמְּהוֹן טָבָא", נָאר אוֹיךְ פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר וֵויי גֶעטוּן - נָאר גוּטְס. פִירְט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: "בָּכָה רִבִּי אַבָּא וְאָמַר", רַבִּי אַבָּא הָאט גֶעוֵויינְט פַאר שִׂמְחָה אוּן גֶעזָאגְט "יָאוֹת הוּא דְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יַרְחִישׁ לֵיהּ נִיסָּא עַל נִיסָּא", יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע נִיסִים, דוּ בִּיסְט וֶוערְד עֶס זָאל מִיט דִיר פַּאסִירְן נָאךְ אוּן נָאךְ נִיסִים.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן; אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז וָואס אִיךְ דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין, דֶער
<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>
וָואס טוּט שְׁלֶעכְטְס - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ מִיט אִים פַּארְרֶעכֶענֶען, אוּן דֶער וָואס טוּט גוּטְס וֶועט בַּאקוּמֶען גוּטְס׳ - וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן אוֹיף קֵיינֶעם קַיין שְׁוֶוער הַארְץ.

חַזֵר דִי שְׁטִיקְל צַוָואָה (צַוָאַת מוֹהֲרַ"ש, אות ח) וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער; חַזֵר דָאס יֶעדְן טָאג:

**"מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג זָאלְט אִיר הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית, אוּן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵויישְׁן. דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אֵייעֶרְס, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פַאר אַ וֶועלְט וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אַייךְ. אִיר דַארְפְט אַייךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס אִיר דַארְפְט הָאבְּן זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן אוּן צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אוֹיף סַיי וֶועלְכֶע שְׁפְּרַאךְ אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן.**

**דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בּוֹיעֶט אוֹיף דִי אֱמוּנָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, מִיט דֶעם וַוייזְט עֶר אַז עֶר וֵייסְט אוּן גְלֵייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.**

**אֱמוּנָה אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אִידִישְׁקֵייט, אֱמוּנָה קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר אִין זַיין מֹחַ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעשְׁמַאק אוּן הֲנָאָה פוּן גַן עֵדֶן. אוּן צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ זַיין חַבֵר אוּן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד רֶעדְט צוּ זַיין טַאטְן".**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תּוֹלְדוֹת תשפ"ב)

# זייט מתפלל!

## פאר ר׳ יצחק בן פייגלא

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# שיינע סיום ביים שיעור הלכה אין ישיבה

די וואך מאנטאג נאכט איז פארגעקומען א הערליכע סיום אויף א מקצוע פון הלכות שבת וואס מ׳האט יעצט געענדיגט לערנען ביים שיעור הלכה אין ישיבה.

דער שיעור ווערט פארגעלערנט יעדן טאג דורך חשוב׳ן מגיד שיעור הרה"ג מו"ה אלחנן חיים רוטה שליט"א, א זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, און ווערט מיטגעהאלטן דורך פילע חשובע בחורים, די העלדן פון ישיבה, וואס נוצן אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין און זענען זיך משלים בלימוד הלכה.

יעצט ווען מ׳האט געענדיגט דורכאקערן א גאנצע מקצוע אין הלכות שבת, מ׳האט גע׳חזר׳ט און ארויסגעקומען מיט תלמידו בידם, האט מען געמאכט א שיינעם סיום ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די וויכטיגקייט פון לערנען און קענען הלכה, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט פארלאנגט אז מ׳זאל יעדן טאג לערנען הלכה, דאס איז דער יסוד פון א איד, נאר אזוי קען ער וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, נישט חס ושלום זיך אוועקצורירן קיין טראפ פון הייליגן שלחן ערוך.

צוויי זאכן האט דער רבי פארלאנגט פון זיינע תלמידים צו טון יעדן איינציגסטן טאג, צו רעדן צום אייבערשטן און צו לערנען הלכה, און דאס איז געקניפט און געבינדען איינס מיט׳ן צווייטן, אז מ׳רעדט אסאך צום אייבערשטן באקומט מען א שטארקע און קלארע אמונה, מ׳ווייסט און מ׳פארשטייט אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, דער אייבערשטער איז אלעס, און מיר טוען גארנישט, דארף מען אבער אין די זעלבע צייט חזר׳ן הלכה, צו געדענקען אז אלעס טוט טאקע נאר דער אייבערשטער, אבער מיר דארפן טון וואס דער אייבערשטער הייסט אונז, זיך צו פירן אויפ׳ן וועג פון די הייליגע תורה.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם חשוב׳ן מנהל פון ישיבה קטנה מו"ה נתנאל פארקאש שליט"א, און פונעם חשוב׳ן מגיד שיעור הרה"ג מו"ה אלחנן חיים רוטה שליט"א, און דערנאך האט גערעדט דער מנהל מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט וואס ער האט מיטגעהאלטן אלע יארן אין ישיבה, אז די בחורים וואס האבן זיך צוגעהערט צום ראש ישיבה שליט"א און פרובירט צו פאלגן די אלע עצות פון הייליגן רבי׳ן, האבן זייער שיין מצליח געווען אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דער סיום האט זיך געענדיגט מיט א געהויבענע געמיט, די בחורים זענען ארויס מיט שטארקע חיזוק ווייטער צו ממשיך זיין מיט׳ן לערנען און זיך משלים זיין אין הלכה.

**אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה בלבד!**

***

# הכנסת ספר תורה דעם שבת קודש אין בית המדרש "היכל הקודש" קרית יואל עצי תמרים

גרויס שמחה הערשט אין בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל, שכונת עצי תמרים, ווען דעם שבת קודש פרשת ויצא הבא עלינו לטובה וועט מיטן אייבערשטנ׳ס הילף אריינגעגעבן ווערן א נייע ספר תורה אין שול.

דער נייער ספר תורה איז געשריבן געווארן לעילוי נשמת דעם אומפארגעסליכן הרה"ח מו"ה ראובן וויינבערג ז"ל, וואס כאטש עס זענען געווען שולן נענטער צו זיין הויז פלעגט אלץ קומען דאווענען נאר אין בית המדרש היכל הקודש.

אין טיפן עלטער פון 96 יאר, אין די גרעסטע פרעסטן פון ווינטער און אין די גרעסטע היצן פון זומער, פלעגט ער קומען מיט די גרעסטע שמחה אין בית המדרש, אלעס נאר כדי צו קענען זאגן נאך א קדיש, נאך א קריאת שמע, און ענטפערן נאך אן אמן.

ר׳ ראובן ז"ל איז געווען א מסירות נפש איד וואס איז אויפגעוואקסן אין רוסלאנד אונטער די קאמוניסטישע רשעים, און טראץ אלע שוועריקייטן האט ער זוכה געווען צו היטן אידישקייט מיט די גרעסטע מסירות נפש, און ער האט זוכה געווען אויפגעשטעלט א הערליכע אידישע דור פון קינדער און אייניקלעך יראים ושלמים וואס לעבן מיט׳ן אייבערשטן.

ר׳ ראובן ז"ל איז באוואוסט געווען אין בית המדרש היכל הקודש מיט זיין סבר פנים יפות, ווי ער פלעגט אויפנעמען יעדן איד מיט א גרויסע שמייכל. די מתפללים קענען נישט פארגעסן ווי ער פלעגט זיך אלץ אינטערעסירן וואס ער און די משפחה טוען, און כמים פנים אל פנים איז ר׳ ראובן געווען

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יצחק פאפנהיים** הי"ו
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **שלום ניימאן** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יושע ראבינאוויטש** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## שוין סיי ווי דערנאך

**פארוואס זאל איך זיך פלאגן? זאל איך נאך פרובירן? איך בין שוין סיי ווי דערנאך. פאקטיש איז דא אויך פאר דיר א וועג!**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 26**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון נתנדב ע"י החתן מו"ה יוסי פעלדמאן הי"ו לרגל נישואיו בשעטו"מ ׀ לע"נ חנה ע"ה ב"ר דוד הי"ו ׀ לזכות רפואה שלמה הרה"ג ר׳ שמואל בן שרה פערל